STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03859

# VAYBER

Meir Blinkin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-03859-8

D:\YIDDISH\TITLES\9780657038595T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

# וויבער

## א פאעמא

פון

## מאיר בלינקין.

---

ארויסגעגעבען פון ל. פרידמאן,

לאָנדאָן, 1908.

---

געדרוקט ביי י. נאראָדיצקי, 48, מייל ענד רויד, איסט.

אַרומגעצוימט מיט הויכע, געדכיטע וועלדער, ווי מיט אַ כיוון, אַז קיינער זאָל נישט זעהן וואָס דאָרט קומט פאָר, ליגט פויל אויסגעצויגען די אַלטע שטאָדט פ ע ר ע י אַ ס ל אָ ו ו.

צו איהר רעכטער זייט איז מיט אַ קורצען היל־צערנעם בריק צוגעבונדען נאָך אַ גרויסע שטיק לאַנד־שאַפט. דאָס איז — די „פידוואָרקעס".

די שטאָדט פערעיאַסלאָוו מיט איהרע לאַנגע, שמאָלע, בלאָטיגע גאַסען, מיט די געדיכטע הייזער, אָנגעשטעלט איינס אויף דאָס צווייטע ווי קברים, מיט די ארומגעריסענע, גראָע מאָגערע ווענד, וועלכע זעהען אויס ווי די שווינדזיכטיגע, מיט די אויסגעבראָכענע שויבען און מיט שמאַטעס פערשטאָפטע לעכער, — אָט די שטאָדט פערעיאַסלאָוו האָט זיך כמעט מיט גאָרנישט אונטערשיידעט פון אַלע אַנדערע שטעדט, וואו אידען וואוינען.

אויך דאָ איז מען פערוועלקט געוואָרען נאָך איידער מען האָט אויפגעבליהט; אויך דאָ, נאָך איידער

די רויז האָט אויפֿגעעפֿענט איהר מילד-מאַטאָווען ברעם, נאָך פֿריהער איידער דעם מענשען'ס אויג איז פֿערוואונדערט געוואָרען, אַריינקוקענדיג אין'ם שלאָס פֿון די בעהאַלטענע סודות, — האָט שוין דער וואָרים אַ זאַטער צוריקגעפויזעט אויף זיין שווערען קערפּער; ער האָט זי שוין מקבל פנים געווען מיט דעם אויג פֿול גיפֿט...

דאָ אויך האָבען מענשען געלעבט פֿון נסים. זיי האָבען זיך געמעהרט און געפֿרוכפּערט, אָהן אַ פֿאַרוואָס, אָהן אַ פּאַר ווען און אָהן אַ צו וואָס... דאָ האָבען מענשען גערעדט פֿון פרנסה, רייכטהום און פֿערגניגען, פֿון גוטע צייטען, מיט דעם זעלבען נוסח פֿון פֿעסטען גלויבען און אין דער זעלבער צייט מיט דער גרעסטער אונגלויבליכקייט, ווי מען דערצעהלט פֿערשידענע לעגענדען פֿון ספרים...

ביי זיי איז אויסגעקומען, אַז די אַלע ווערטער זיינען בלויז אויסגעטראַכט אין ביכלאַך, אָבער נישט מעהר! ניט נור האָבען זיי קיין השגה ניט געהאַט דערצו, נאָר אנדערע האָבען זיך אפילו שוין לאַנג מיאש געווען פֿון דער האָפֿנונג צו פֿערדינען אַמאָל און האָבען ניט געוואָלט אומזיסט, סתם אין דער וועלט אריין אָנשטריינגען זייערע געדאַנקען און גאָר בעוועגען זיי צוליעב אַזאַ זאַך... ביינאַכט האָט זיך דאָ איבער דער גאַנצער שטאָדט פֿערשפּרייט אַ גראָה-וואָלקענדיגער, צייטענווייז בלאָער, נאָר דאָך פֿעראומערטער, פֿערוויינטער הימעל. נאָר פֿאַר די מענשען איז דעמאָלט געווען בעסער. מיערדע, פֿערצאָרענטע, אויסגעאַרבייטע, אָבגעלעבטע פֿאַר

דער צייט, האבען זיי אַ טרייסט געפונען אין שוים פון דער פערטראַכטער, געהיימער, ניט-דורכזיכטיגער נאַכט. ווייט איז דעמאָלט געווען פון זיי זייער עלענד און נישט געפיהלט האָבען זיי די לייד און פיין.

אַן אונבעקאנטע קראַפט האָט מיט אַ דיקער, שטיינערנער, פייכטער וואַנד פון זיי אַלץ פערשטעלט, און זיי האָבען גאָרנישט געזעהן און ניט געהערט.

נישט געהערט האָבען זיי די שוואַכע קולות, ווי פון בלינדע קעצעלאַך דאָס מיאַוקען, פון זייערע פער־שמאַכטע קינדער, וועלכע האָבען ווי אויף צו להכעיס אַ גאַנצען טאָג געבעטען עסען. נישט געהערט האָבען זיי דאָס זיפצען און קרעכצען פון זייערע פריינד און נאָהענטע, וואָס האָבען מיט אַ הייזעריגען טאָן פון אַן אָנ-געשפאָלטענע כלי געלעכערט אַרום זיך די לופט. זיי האָבען אויך אין שלאָף פאַר זיך נישט געזעהען דעם שווערען הונגער־טויט, וואָס האָט געציטערט און גע־פלאַטערט, הייגענדיג אויף שפינוועבס איבער זייערע קעפ.

אפילו די קליינע אָרימע פייערלאַך, וואָס האָבען אַזוי מורא'דיג געפיבערט אין זייערע איינגע שטיבלאַך, וועלכע האָבען מיט זייער טויטען־שיין עדות געזאָגט, אז דאָרטען געפינען זיך מענשען וואָס אָטהעמען נאָך, האָבען זיי אויך ניט געזעהן. גוט איז זיי דעמאָלט געווען. די שטומע שטילקייט האָט אַלעס פערוויגט און פערשלעפערט, פערלאָשען און פערגעסען גע־מאַכט...

קוים אבער האָט זיך אין מזרח אָנגעצונדען דער

הימעל, קיים האָט דאָס פייער אנגעהויבען אַריינגעהן אין זיין מאַכט און ווערן אלץ שטאַרקער און שטאַרקער, איז די ערשטע הייסע שפּיזלען, וואָס זיינען געפֿאַלען פֿון זיין בראַנד־מויל, האבען גלייך געטראָפֿען אין זייערע פֿערוויטאָגטע הערצער, און זיי האבען זיך דארט אנגעהויבען שטארקער פֿונאנדערברענען ביז עס האָט אויסגעבראָכען אין אַ פֿלאם.

דעמאָלט האָבען זיך פֿון דאָרט געטראָגען ווילדע הונגער-קולות פֿון הונדערטער קינדער ; געוואַלד־געשרייען, יאָמערליכע טענער, קללות מיט חרמות האָבען געריסען און אויפֿגעטרייסעלט די לופֿט.

אַ גרויסער פֿלוך, אַזוי ווי אַ ריזען־קנויל, האָט זיך געקייקעלט פֿון שטוב צו שטוב, פֿון טהיר צו טהיר, פֿון מויל צו מויל. הונדערטער־וויז האָבען זיך מענשען אָנגעהויבען בעוועגען, אַרומגעהן, אַרומלויפֿען. האַלב-נאַקעט, מיט דאַרע ביינער און פֿערטריקענטע הויט, מיט טיעף אַריינגעצויגענע אויגען, גליהענדע ווי הייסע קוילען, זיינען זיי ווי ווערים איינס אויף'ס אַנדערע געקראָכען, געקלעטערט, געריסען מיט ווילדען צאָרן איינער ביים צווייטען דעם לעצטען ביסען פֿון מויל, און ביי יעדען פֿון די ליפּען האָט געשפּריצט גיפֿט מיט שוים...

אָבער דאָך האָבען זיי זיך געפֿיהלט דרייסט, פֿריי, בעוועגענד. ס'איז פֿאָרט זומער. זיי זיינען טאַקע פֿערשטיקט און פֿערדומפּען געוואָרען, ס'האָט זיי אויסגעפֿעהלט לופֿט און אָטהעם, זיי זיינען צושמאָלצען געוואָרען פֿון היץ און מיעדקייט. דערפֿאַר אָבער האָבען

זיי ניט בעדאַרפֿט קיין אַנדערע זאַכען: מען קען לעבען וואָכען-לאַנג ניט געהייצט, ס'איז נאָך בעסער, קיהלער; און בעלייכטונג דאַרף אויך זעהר ווייניג קאָסטען, דער אָוועגד איז קורץ...

* * *

אַנדערש איז אָבער ביי זיי געווען ווינטער. דער הימעל אַ בייזער, אַן אָנגעלאָדענער, די זונן אַ מיעדע, דער טאָג אַ קראַנקער און דער פֿראָסט אַ גליהענ־דער, בייסענדער...

אַנדערש זיינען אויך דעמאָלט געווען די מענשען. אַ פֿערביטעניש איז אויף זיי געקומען. שטענדיג פֿער־זאָרגטע, בייזע, מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּ, געשמידטע אין אַ שרעקליכער פֿערצווייפֿלונג. ס'איז זיי אפילו ניט געלעגען אין זינן ביים צווייטען דעם ביסען פֿון מויל אַרויסצורייסען.

די טעג זיינען ביי זיי געווען טויבע מאָנאַטען... די נעכט יאָהרען, און די וואָכען, אָה! די וואָכען — אייביגקייטען...

קיינער האָט ניט געוואוסט פֿון זייער צער, עלענד, הונגער און קעלט. דער איינציגער, וואָס פֿלעגט אַנ־טהייל נעהמען אין זייערע שטאַרקע ליידען, זיי העל־פֿען וויינען און זיפֿצען און דערמיט נאָך פֿערגרעסערען זייער שמערץ, — דאָס איז געווען דער שטענדיגער קלאָגעדיגער, פֿער'כשופ'טער ווינד, וועלכער האָט גע־ריסען די דעכער און געפֿייפֿט ביי זיי אין די ניט געהייצטע קוימענס, און עס האָט זיך געדוכט, אַז ער איז אַ קין, אַ פֿערשאָלטענער פֿון גאָט אויף

אייביגע וואַנדערונג, פֿערוואָגלונג און נע-ונד׳קייט...

דער איינציגער ליכטיגער שטערען אין׳ם תהום פֿינסטערניש, דער שטאָלץ און די טרייסט, דאָס איז ביי זיי געווען די „פידוואָרקעס״: אויסהאַלטען אַ חזן, אַ באָד, חברה קדישא, אַ קליינעם הקדש, רבנים, שיינקען לחם הפנים און מעות חטים, אַן אָרעמע כלה חתונה מאַכען, אַזוי אַ נדבה געבען, — אויף אַלץ האָבען געגעבען די „פידוואָרקעס״. פֿוילע און קראַנקע, אָרעמע און טרייסטלאָזע האָבען אין זיי אַן אָנהאַלט, אַ בעשיצונג געפֿונען. די „פידוואָרקעס״ — דאָס איז געווען אַן אונאויסשעפּליכער קוואַל, וואָס האָט קיינעם קיינמאָל ניט אָבגעזאָגט, סיידען ווען עס איז אויסגעקומען, אַז די מענער זיינען געווען דערביי. דעמאָלט נור איז מען פֿון די „פידוואָרקעס״ אַוועקגעגאַנגען מיט ליידיגען.

נישט נור ביי די שטאָדטישע זיינען זיי געווען מיוחסים, נאָר אפילו ביי אַלע אַרומיגע שטעדטלעך. ווער שמועסט די מענער — האָבען אַלע געוואוסט אויף הונדערטער מייל וויַיט אַרום; און באַלד נאָר עפּעס, האָבען זיי טאַקע אָנגעוויזען זייערע וויַיבער, אַז זיי זאָלען זיך אַ מוסר אַראָבנעהמען פֿון די „פיד־וואָרקער״, וועלען זיי אויך זיין רייך און גליקליך...

נישט דערפֿאַר וואָס די „פידוואָרקעס״ האָבען אין זיך גרויסע, גרינע, ווי מיט סאַמעט בעצויגענע בערג און ברייטע, מיט בלומען אָנגעשאָטענע גערטנער, האָ-בען זיי געקענט שטאָלצירען, אָדער מען וואָלט מיט זיי שטאָלצירט.

אויך נישט דערמיט וואָס אַרום די „פֿידוואָרקעס“ ציהען זיך ברייטע פֿעלדער אויף הונדערטער מייל די לייננ, פֿערפֿלייצטע מיט פֿערשיעדענע הבואות, און וואָס זייערע צאַרטע קעפּעלעך שאָקלען זיך, ווען די זונן הויבט אָן אויף זיי מיט גינגאָלד צו שיטען, אָדער ווען דעם ווינד פֿערווילט זיך מיט זיי אַ שטיף טהון.

אפילו ניט דערפֿאַר, וואָס אַרום די „פֿידוואָרקעס“ פֿליסט אַ קלאָהרער, דורכזיכטיגער טייך, אין וועלכען דער הימעל באָדט זיך גאַנצענע טעג, און מען קען דעמאָלט ניט אונטערשיידען, ווער עס איז בלויער, ער צי דאָס וואַסער.

די אַלע זאַכען האַרען זיי ניט, זיי ווייסען פֿילייכט פֿון זיי ניט און ווילען ניט וויסען פֿון די זאַכען. ווער עס סמייעט גור צו טראַכטען, זינדיגט שוין דערמיט אַליין קעגען גאָט. ס'איז עפּעס אַ אידישע זאַך? אַ שטאָדט פֿון מענשען, וועלכע האָבען אויף זיך אַ גאָט מיט מצוות, מיט שטראָף, מיט אַ יענער וועלט און אַ ווייב מיט קינדער נאָך אין צוגאָב! מען דאַרף סיידען פֿריהער, שונאי ציון, עובר בטל ווערען און דערנאָך קוקען אויף'ן הימעל, אויף'ן פֿעלד, אויף'ן טייך און נאָך אויף אַזעלכע נאַרישקייטען, וואָס ס'איז ממש אַ חרפה פֿאַר אַן עלטערען מענשען גאָר צו ריידען דערפֿון.

זיי זיינען שטאָלץ און שטאָלצירען מיט די פידוואָרקער ווייבער. די פידוואָרקער ווייבער זיינען ניט שעהנער, ניט העכער, ניט קליגער פֿון אַלע אַנדערע. זיי זיינען אויך קיין מיוחסות ניט ביי זייערע מענער.

אדרבא, זיי ווערען פערשוואַרצט און אויסגעריסען נאָך הונדערט מאָל מעהר פֿאַר אַנדערע—און טאַקע דערמיט אונטערשיידען זיי זיך.

אויך זיי טראָגען און זויגען און געבוירען יעדעס יאָהר אַ קינד נאָכ'ן אַלטען מנהג נאָך.

גלייכגילטיג, מיט אַלע ווייבער צוגלייך, טראָגען זיי אַריבער די טיעפֿסטע בעליידיגונג פֿון זייערע מע-נער ; אָהן דעם מינדעסטען פֿאָרוואורף שלינגען זיי אַראָב די געמיינסטע גראָבהייטען, און דאָך זיינען זיי אַן אויסנאַהמע. דאָך אונטערשיידען זיי זיך שטאַרק פֿון אַלע אַנדערע, אַזוי ווי אימער בעוועגליך רוישענד „דניעפּער"-וואַסער פֿון אַ שטעהענדיגען זומפּ מיט שימעל בעדעקט.

פֿינף אזייגער פֿאַרטאג, ווען די מענער קעהרען זיך ערשט איבער אויף דעם אנדער זייט און גראָבען אריין זייערע פנים'ער אין די ווייסע פוכאָווע קישענס, ארויסלאָזענדיג דערביי משונה'דיגע אבגעריסענע טענער פֿון זייערע גרויסע, רויטע, נארישע נעזער, דע-מאָלט האָבען שוין זייערע ווייבער דורכגעמאַכט אַ האַלבען מאַרק... אַלע אָנגעטהאן אין לייכטע רעק-לאך מיט גרויסע בלויע פֿאַרטוכער, אויף וועלכע עס הייגגט אויף דער לינקער זייט אַ גרויסער לעדערנער טאַש ארייגצוואַרפֿען די לייזונג און ארויסגעבען אויס-גאָב — מען האָט דאָך קיין צייט ניט צו לויפֿען יעדע רגע צו דער קאַסע... — שטעהען זיי אין כל המינים'-דיגע קראָמען און ארבייטען שווער. זיי וועגען און מעסטען, קויפֿען און פֿערקויפֿען. אַלץ ווערט געטהאָן וואונדערבאַר שנעל.

אָט שטעהט, דוכט זיך, איינע ביי זיך אין קלייט און רעדט איין אַ יונגער באָרפֿעסער פויערטע, אז זי זאָל ביי איהר קויפֿען דעם ציץ, וואס זי גיט איהר, כאָטש יענע וויל נור א רויטען קוליער מיט גרויסע קווייטען. זי האלט אין איין טענה'ן, אז די פויערטע מעג זיך אויף איהר פֿערלאזען, זי וועט זי נישט נארען. בסך הכל נור צוליעב איהר פֿערקויפֿט זי אזוי ביליג די סחורה. אָבער גלייך בעמערקט זי, אז צוויי ווייבער האָבען זיך געלאָזט נאָכלויפֿען עפעס א פויער. זי האָט אפילו רעכט ניט איינגעזעהען, צי פֿיהרט ער עפעס סחורה, זי לאָזט אָבער איבער דעם קונה און לויפֿט ארויס. זי פֿערשטעהט, אז זי מוז אויך לויפֿען, ער דאַרף אודאי דזשעגאכץ אָדער זאלץ און דאס קען זיין צעהן קאפיקעס פרנסה ווי געפֿונען. דער קונה וואָס איז ביי איהר וועט ניט אוועקגעהן; זי איז זיכער, זי האָט איהם פֿער'כשופ'ט מיט איהרע רייד.

און זי לאָזט טאַקע איבער דעם קונה און לויפֿט אויך צום פויער, וועלכער איז שוין אַרומגערינגעלט פֿון אַ פאָר מנינים ווייבער. יעדע שרייט העכער פֿאַר דער צווייטער, יעדע לויבט איהר סחורה, יעדע רעדט איהם איין, אַז ער איז איהרער אַן אַלטער בעקאַנטער. נאָר באַלד ווערט דער טומעל נאָך גרעסער. עס דערהערט זיך אַ געשריי: „וואָלוועל עופות, עופות ווייבער!״ עפעס אַ רייכער פאָסעסאָר האָט אַרויסגעשיקט צו פֿערקויפֿען. אַלע ווייבער טהוען זיך אַ לאָז צו די עופות, און מיט די לינקע הענד האַלטען זיי זיך נאָך ביים פויער'ס וואָגען, און עס דוכט זיך, אַז זיי

וועלען מיטשלעפּען מיט זיך דעם פויער מיט דער פֿוהר און מיט די פֿערד צוזאַמען. אַ פּאָר מינוטען דינגען זיי זיך מיט דעם פֿערקויפֿער פֿון די עופות און ראַטהען איהם בעסער זיך ניט פֿער׳עקשן׳ן און נעהמען זייער מקח, אַז ניט, וועט ער שפּעטער חרטה האָבען.

פּלוצלינג גיט פֿון ערגעץ אַ דונער: „מאַרק פֿאָהרט!" דאָ צולאָזען זיי זיך אויף לעבען און טויט אַנטקעגען די פֿוהרען מיט תבואה, ווי אויף אַ שרפה אַזוי לויפֿען זיי, דרעהען זיך איינע דער אַנדערער אונטער די פֿיס; יעדערס אויגען ברענען, זי וואָלט וועלען פֿערקירעווען דעם גאַנצען מאַרק צו זיך, און עס ווערט אַ געשריי מיט אַ שילטעריי ביז איינער אָדער צוויי גיט זיך איין די מלחמה און זיי קויפֿען עס אָב.

ערשט דעמאָלט דערמאָהנט זיך יעדע, אַז ביי איהר אין קראָם וואַרט אַ קונה, און זי לויפֿט אַריין מיט אַ גוטמוטהיגען שמייכעל און זאָגט איהם צו, אַז דערפֿאַר וואָס ער האָט געוואַרט, וועט זי איהם געבען די בעסטע און שעהנסטע סחורה.

אַכט אַ זייגער אין דער פֿריה, ווען דער גאַנצער מאַרק איז שוין דורכגעפֿאָהרען, ווען זיי האָבען שוין אפילו אָנגעפּילט אַלע פֿלעשער, וועלכע די קונים האָבען ביי זיי איבערגעלאָזט, האָבען בערעכענט די לייזונג און יעדע האָט אַראָבגענומען אַ געוויסע מטבע אין איהר „קניפּעל", אַז דער מאַן זאָל דערפֿון ניט וויסען — מען דאַרף דאָך, מ׳איז דאָך ניט מעהר ווי אַ לעבעדיגער מענש, איז פֿאַר יעדען גראָשען מוז מען זיך טאַקע מיט איהם תמיד קריגען? ... — דאַן, ווען

זיי האָבען שוין ניט וואָס צו טהון אין די קראָמען, הויבען זיי זיך אָן צוזאַמענקלייבען אין גאַנצע מחנות, יעדע איינע דערצעהלט בעזונדערע צופּעלע און בריה'שאַפֿטען פֿון היינטיגען טאָג. זיי פֿערגעסען אין אַלע קללות און בעליידיגונגען, וואָס זיי האָבען זיך געזאָגט בעת'ן מאַרק. זיי ווייסען, אַז פרנסה איז פרנסה און ווילען קיינמאָל ניט ברוגז ווערען איינע אויף דער צווייטער. אויב זיי ווערען יאָ אַ מאָל ברוגז, איז דאָס נור אין אַזאַ פֿאַל, ווען איינע האָט אויף דער אַנדערער עפּעס שלעכטעס געזאָגט אין דער צייט פֿון רוה: שבת אָדער יום טוב...

יעדע רעדט מיט א בעזונדערער בעגייסטערונג, און טיעף אין איהרע מיעדע אויגען, וועלכע זיינען ארומגערינגעלט מיט א בלויען רייף, ברענט א קליינטשיק, נאר שטאלץ פֿייערל. דאָס דערמאָנט זיך דעמאָלט יעדע איינע, ווי אזוי זי האָט אָבגענארט אַ קונה. זי האָט פֿערקויפֿט אַזאַ סחורה, וועלכע זי האָט גערעכענט אַרויסוואַרפֿען און האט נאך גענומען אַ בעסערן פּרייז ווי געוועהנליך. אָדער דערפֿון ווי זייערע מענער כאַפּען זיך אויף גאַנץ שפּעט און מיינען, אַז די ווייבער שלאָפֿען נאָך און הויבען זיי אָן וועקען: שוין צייט אויפֿצושטעהן צום מאַרק! און זיי מאַכען זיך גלייך ווי זיי זיינען שלעפֿריג, דעמאָלט ווען ביי זיי איז שוין נאָך אַלע זיבען זאַכען.

און טאַקע באלד הויבט אָן ציטערן אַ קול פֿון אָנגענעהמער אויפֿרעגונג, און אַ ווייבעל הויבט אן דערצעהלען אזוי:

— הערט אַ שעהנע זאַך: איך בין דאָך היינט אויפֿגעשטאנען, אַז גאָט אליין איז נאך געשלאפֿען...

מען טאָר ניט אזוי זאָגען, שיינע! — שלאגט איהר אַ צווייטע איבער די רייד.

— נו, נו, נו? — ווערען אסך נייגעריג — איז וואָס געווען?

— ... און איך בין מיר פֿאַמעלאַך ארויסגעגאַנגען, אז קיינער זאָל ניט הערען, איך זאָל זיי ניט אויפֿוועקען, ווייל אז לייזער האָט זיך געלייגט שלאָפֿען, איז אודאי געווען איינס אַזייגער. ביים רב עפּעס א קריעג געווען... איהר קענט זיך מעלדען ווי פֿריה ס'איז געווען, אַז איך האָב נאָך אפילו שרה'ן ניט געוואָלט אויפֿוועקען. תמיד שטעהט זי אויף גלייך מיט מיר; ניש׳־קשה, עס וועט איהר ניט שאָדען, זאָל זי זיך לערנען פֿון דער מאַמע'ן. און האַלב אַכט, אַז איך האָב אַ קוק געטהאָן, אַז קיין מאַרק „פֿאָהרט" שוין ניט, בין איך אריינגעגאַנגען געוואָהר ווערן, וואָס טהוט זיך אין שטוב. איך הער מיינער וועקט מיך: „שיינע, שיינע, שיינע!" געה איך מיר שטילינקערהייט צו און שפּאַר זיך אָן אָן בעט און וואַרט, וואָס וועט דאָ זיין... „זעה, מען קען זי גאָר ניט דערוועקען, שיינע! שוין צייט לאַנג אויפֿשטעהן. ביסט טויב, צי חסר־דעה, צי וואָס איז היינט מיט דיר געשעהן?"... האָב איך מורא, איך זאָל זיך ניט צולאַכען און טהו זיך אַ כאַפּ מיט אַ געשריי: „אוי ווער איז מיר! פֿאַרוואָס האָסט דו מיך ניט אויפֿגעוועקט פֿריהער? גזלן! ס'איז דאָך שוין אַכט אַזייגער..."

אַלע שיסען אוים מיט אַ צופֿרידענעם געלעכטער. דער

פֿערגאנגען, אז זיי האבען אין זיך פֿערגעסען.

זיי שטעהען א גאנצע מחנה צונויפֿגעדריקט ווי הערינג און ריידען און טענה'ן מיט היץ און מיט פֿייער. אבער די פֿערבייגעהער הערען זיך גאר ניט איין. מען זעהט נור, ווי אלעמענס פּנים'ער זיינען טרויעריג, ערנסט, די קעפּ אראבגעלאזען; זיי שעהמען זיך קוקען גלייך איינע דער צווייטער אין די אויגען, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען די שולד געווען און דעם גרויסען צער... אַ גרויס אונגליק, אַ גרויסע שאנדע, אַ געל-שווארצער פֿלעק האט בעדעקט אלעמענס קעפּ. די טומאה האט זיך אריינגעריסען אין זייער הייליגטום און האָט עס פֿעראונווירדיגט; און אצונד זוכען זיי מיטלען, זיי ווילען זיך רעטען, ווי איינער וואס טרינקט זיך; זיי ווילען דאס היילען, פֿערדעקען, אַז קיינער זאל זיך דערפֿון ניט דערוויסען. זיי שטעהען און קלעהרען און קנייטשען זייערע צו זאָרג צוגעוואוינטע שטערענס, בעווענען געשווינד די געדאַנקען און קיינע איז נאָך דערווייל צו קיין גוטען רעזולטאַט ניט געקומען. קיינע זעהט ניט קיין וועג, ווי אַזוי זיך אַרויסצופּלאָנטערן פֿון דער מורא'דיגער נעץ, אין וועלכער דאָס ביטערסטע פֿון'ם שלעכטען האָט זיי פֿערכאַפּט...

ווען אַצונד זאָל אַהער אָנקומען אַ גאַסט, וועלכער קען זיי אפילו ניט, וואָס האָט נור פֿון זיי געהערט, וואָלט ער זיך אויך דערשראָקען אויף טויט, אַ קוק געבענדיג אויף זיי. אַנדערש האָבען איצט אויסגעזעהן די „פּידוואָרקעס", אַנדערש די גאַסען, אנדערש האָט די זונן געשיינט; ווי פֿערשעהמט, געצוואונגען

האָט זי געגאָסען שמאָלע, בלייכע מיט גאָלד בעזוימטע פאַסען ליכט, וועלכע האָבען זיך מיט שווערער לאַסט געלייגט אויף די הערצער פון די ווייבער.

די קליינע, גראָה-געגרייזעלטע וואָלקענדלעך מיט זייערע צושויבערטע ברעגען, וואָס האבען אויסגעזעהן ווי כוואַליעס בעדעקט מיט שוים נאך אַ לייכטען שטורם, האבען זיך ערגעץ אונבעוואוסט געשפּאַרט, געיאגט, און אַראבקוקענדיג אויף די ווייבער געפיהרט צווישען זיך אַ געהיימען געשפּרעך. אפילו די אַלטע ווערבע, וואס ביי איהר איז אַזאַ זאַך קיין נייעס ניט— זי ווייסט פון אַסך מעהר און פיעל פערוויקעלטערע סודות... — אפילו זי איז אויך געשטאַנען בעטריבט. די צווייגען האבען טרויריג, מוטהלאז געשאקעלט מיט די ברעגען און די גרינע בלעטלעך, צושראקענע, האָבען זיך איבערגעוואונקען און גאַנץ אַפט זיך איינס צום צווייטען געטוליעט און איינגערוימט אַ סוד... און ס'האט זיך געדוכט, אַז זיי היטען זיך פאַר דעם איינציגען, פון ליים געקלעפּטען נעסט, וועלכער בע-האַלט זיך אין שאטען צווישען די דינע צווייגעלעך אויף'ן סאַמע שפּיץ בוים. אבער דער נעסט האט אויס-געזעהן ניט פרעהליכער פאר זיי. מיט א קאלטען, פערשולדיגטען בליק האט ער ארויסגערוקט זיין פנים פון הינטער די בלעטער און פערטראכט געקוקט אין דער ווייטענס. נאך דערשלאגענער, פערצארענטער האבען זיך בעהאלטען די לאַסטאָטשקעס אין איהם. עס איז געווען קענטיג, אז זיי האבען געדיינקט, ניט אנדערש אז גאט שטראַפט עס די „פידוואָרקעס" פאר

ז י י ע ר ע גרויסע זינד, דערפֿאר וואס זיי האבען א מאל אין די פיסקלעך פֿייער געטראגען חרוב צו מאכען דעם בית המקדש — גאט דולדעט לאנג, אבער דערפֿאר צאהלט ער גוט...

די פויערים, וועלכע זיינען זיך לאנגזאם געפֿאהרען און קיינער האט זיי ניט געשטערט, קיינער איז זיי דעם וועג ניט פֿערלאפֿען, זיי ניט געשלעפט און ניט געריסען צו זיך, זיינען שטארק ענטטוישט געווארען. זיי האבען זיך געטראכט, ניט אנדערש נאָר אלע אידען זיינען אנטלאפֿען פֿון דאנען.

און די ווייבער האבען גאר פֿאר גרויסע צרות פֿערגעסען, אז ס׳איז א מארק טאג. מיט פֿערלייגטע הענד אויף׳ן הארצען זיינען זיי געשטאנען אין גרויס טרויער, און צו יעדע נאר וואס צוגעקומענע האבען זיי זיך אלע פֿיבעריש אווארף געטהון און געפֿרעגט: וואס זאגט זי דערצו, פֿילייכט ווייסט זי עפעס אן עצה?...

קיינע האט גאר ניט געענטפֿערט. זיי האבען ניט געקענט ריידען און ניט געוואוסט וואס צו ריידען. זיי האבען נור אלע געפֿיהלט, אז א גרויסער בלייענער צארן האט זיך אויף זיי אויסגעגאסען, אז א שלעכטער גייסט האט זיך ארייגעריסען אין זייער לעבען און ער גיסט זיי יעדע רגע אן מיט שרעק; און אויב זיי וועלען אצונד שווייגען, אז זיי וועלען קיין סוף דערצו ניט מאכען, ווייסט גאט דער האַרר וואס עס קען זיין! זיי זיינען קיינער ניט זיכער, אז מארגען אדער איבערמארגען זאל דער זעלבער דונערשלאג ניט טרעפֿען אן אנדערע פֿון זיי.

אימיצער האָט זיך צווישען זיי עפּעס אַ ריהר געטהון און זיי זיינען אלע מיט אַ מאל אזוי שטיל געבליבען, פּונקט ווי זיי וואלטען זיך צוהערען צו אַ שוואכער שטימע, וואס די שטילקייט אליין רעדט פון זיך ארויס...

זייערע אויגען זיינען גרויס געווארען, די פּנים'ער האבען זיך געקרימט פון פערדרוס און בעליידיגונג. שטיל, אהן מאכט, האבען זייערע הערצער געגומען קלאפּען. פלוצלינג האט א שטורם געטהון, אלע האָבען אויפגעציטערט און מיט צושראקענע בליקען זיך אנגעהויבען ארומקוקען, וואס עס איז דא ווייטער געשעהן. און דערזעהן האבען זיי, אז אין דערמיט רייסט זיך מיט ווילדען כעס אַ אידענע, זי פּאַכט בייז מיט די הענד, איהרע ליפּען פיבערען, פון די אויגען שלאגט פייער און צארענדיג ציטערט איהר קול:

— קומט! איהר וועט זעהן וואס איך וועל אויפטהון. פריהער וועל איך איהם צופּאטשען און דערנאך וועל איך זי מזיק זיין. מיר מוזען פון זיי ביידען מאכען אַ בארג אש; קיין אנדער עצה האבען מיר ניט...

דאס האט געשריען א הויכע דארע אידענע מיט ברייטע שולטערן, וועלכע האט זיך דעם נאמען „קאָזאַק" געקויפט דערמיט, וואס זי איינע אליין האט איהר מאן אבגעשלאגען פון דריי פויערים, וועלכע האבען איהם נור געוואלט דערווערגען, הלמאי ער האט זיי אבגענארט אין וואג. דאס איז געווען צום ערשטען מאל אין לעבען, וואס ער האט איהר ארויסגעהאלפען...

— אבער שריי דאך ניט אזוי, בריינדעל! — בעט איהר עפעס אַ קול פֿון די ווייבער.

— ווי הייסט איך'ל ניט שרייען! וואס דען, שוויי-גען וועל איך? ניש'קשה, איך'ל קיין וואסער אין מויל ניט אננעהמען. איך'ל זיי ווייזען, די משומדים, ווי אזוי צו פֿערוויסטען די גאנצע שטאדט.

— אבער שריי דאך ניט אַזוי! — בעטען זיך נאך עטליכע.

נאר בריינדעל הערט זיי ניט. זי דריקט פֿעסט צונויף דעם רעכטען פֿויסט, און פֿאָכענדיג מיט איהם אין דער לופֿט, שרייט זי נאך העכער:

— וואס איז ווייבעריע, וואס האט איהר זיך אַזוי דערשראקען? זעה נאר ווי זיי האבען דאס ביסעל מורא! דערפֿון נעהמען זיך אלע צרות. לאמיר קיין מורא ניט האבען, וועלען מיר זיך פֿערשפארען שרעקען, אז מארגען אדער איבערמארגען — זיי זאלען דאס בע-סער גארניט דערהאַרען, טאטע זיסער! — זאל אונזע-רע א טאכטער ניט האבען אזא גרויסע צרה אויף זיך!

בריינדעל'ס לעצטע ווערטער האבען שטארק גע-ווירקט: אַלע ווייבער האבען זיך אַ צאפעל געטהאָן, גלייך מען וואלט זיי אומגעריכט אבגעגאסען מיט קאלטע וואסער. עס האבען זיך אנגעהויבען ארויסווייזען נאך עטליכע, וועלכע האבען אונטערשטיצט בריינדעל'ס פֿארשלאג.

שרה לאה האט געזאגט: איהר עצה איז, מען זאל טאקע געהן, נאר צו איהם אליין, צום חתן, און מען זאל איהם זאגען, אז ער זאל ניט דערלאזען צו

לייטישע געלעכטער און ניט אנטהאן קיין עגמת נפש איהרע עלטערן, מען זאל וואס גיכער, היינט אדער מארגען, אַ חופה שטעלען, איידער עפּעס וואס, און זאל זיין שטיל...

— איך זאג, אז ניט דערהאַרען זאל ער, ניט אזוי זוכה זאל ער זיין, אז מיר זאלען איהם געהן בע-טען! — האט צארענדיג געשריען א שטימע.

אבער באלד האט זיך דערהערט א יונגער קול, אויף וועלכען אלע וויבער האבען זיך אנגעהויבען ארומקוקען, און קיינע ווייסט ניט ווער עס רעדט. תחילת האט די יונגע שטימע געציטערט, דערנאך איז זי געוואָרען אלץ פעסטער און פעסטער, אז מען האט שוין קלאהר און דייטליך געקענט הערען, וואס זי רעדט:

— איהר פערשפארט זיך גאר איינריידען פון שלאגען, ס'איז נארישקייט. און צו וואס זאל מען נאך פערצאפּען בלוט איהרע עלטערען מיט'ן געהן צו זיי? ס'איז זיי נאך, הייסט דאס, קארג אזוי?... אויב מיר ווילען שוין יא עפּעס טהון, איז דאס בעסטע, קיינעם גאר ניט זאגען, זיך ניט היצען, ביי קיינעם קיין הילף ניט בעטען, און אליין פון אונזערע קעשענעס לאמיר זיך צונויפלייגען; ניש'קשה, גאט וועט אונז אומקעה-רען כפל כפלים. לאמיר אויסקלייבען א פאר פון אונז, ווער עס זאל דאס געלד איהם שטיל אוועקטראגען, אזוי אז קיינער זאל ניט וויסען, וואָרים ס'איז נור גע-נוג א מורמעל טהאָן, אזוי וועט דאס באלד צוטראגען ווערען אויף שבעה ימים; איהר ווייסט דאך, אז וועלטען האבען אויערען און גאסען האבען אויגען...

אלע ווייבער האבען פֿרייער אבגעצויגען דעם אָטהעם און מיט גרויס פֿרייד בעטראכט די יונגע מלכה'לע, וועלכע האט ערשט פֿריהער מיט צווי מא־נאטען געהייראטה און רעדט שוין אזוי קלוג. די גרויסע דיקע וואנד פֿון שרעק און פֿערצווייפֿלונג האט מלכה'לע מיט איהרע מילדע רייד פֿון זיי אראבגערוקט. ס'איז זיי אזוי גוט, אזוי ליכטיג געווארען. יעדע האט טיעף אין הארצען שטארק מקנא געווען די, וועלכע האט נאר וואס גערעדט אזוינע קלוגע, גילדערנע רייד. עס האט יעדער איינער באנג געטהאָן דאס וואס איהר איז ניט איינגעפֿאלען אזא טהייערער פלאן. אבער באלד האבען זיי זיך בערוהיגט, מחמת עס האט דאך פֿארט גערעדט זייערע אַ שוועסטער, אויך אַ ווייבעל פֿון זייערע „פידוואָרקעס", און בפרט אז זיי האבען זיך גאר ניט גערעכט, אז מלכה'לע, וועלכע האט נאך מיידעלוויז געהאט א שם פֿאר א קלוגער, וועט גאר וועלען נעהמען אנטהייל אין זייערע צרות; און מען האט אנגעהויבען אויסארבייטען א פלאן, ווי אזוי מען זאל קריגען געלד, נאר טאקע אזוי, אז קיין האן זאל אפילו ניט א קרעה טהאָן.

ערשט אצונד איז מען ווידער אריינגעפֿאלען אין א זעהר טיעפֿער פֿערלעגענהייט. קיינער פֿון זיי קען אזא גרויסע „ציפֿער" נישט געבען. אפילו אלע צוזאמען זאלען זיך צונויפֿלייגען, איז דאס אויך אונמעגליך. זיי קענען געבען הונדערט, צוויי הונדערט, דריי הונדערט, אָבער אַז זיין נדן איז 600, און אַצונד זאָגט ער, אויב מען וועט איהם ניט געבען קיין טויזענד, לאָזט

ער אָב דעם שידוך. וואָס איז, זאָגט ער, מען וועט איהם לאָדען? אדרבה, דאָס מיינט ער... מען האָט אָנגעהויבען אויספרעגען, ווער עס האָט אַ בעהאַלטען קניפּעל — פון'ם מאַן. קניפּלעך האָבען זיי אַלע, אָבער מען זאָל זיי אַלע צוזאַמענקלייבען, וועט נאָך ווייט ניט דערגרייכען אפילו האַלב פון דער געוויסער „ציפער".

און דאָ איז ווידער געוואָרען אַ מעכטיגער שטורם, אַ געוואַלדיגער טומעל פון די וויבערשע רייד. אַ טהייל האָבען מיט פייער, מיט זודיגער בעגייסטערונג קריטיקירט זייערע אייגענע מענער, די טויגעניכטסען, וועלכע געהן אַרום שלינג און שלאַנג; זיי האָבען דערוויזען, אַז מען דאַרף זיך פאַר זיי נישט שרעקען, אַז די מענער האָרעווען ניט אויף'ן געלד, און ווען זיי דאַרפען אַמאָל יא אויף עפּעס האָבען, טאָר זיי קיינער קיין דעות ניט זאָגען.

אנדערע וויבער האבען געזאגט, אז מענער זיינען פארט עלטער, מען מוז און מען דארף זיי פרעגען! זיי זיינען קליגער און ווייסען פארט בעסער. און נאך וואס עפּעס זאלען זיי זיין קליגער, זיי זאלען ניט זינ־דיגען מיט די רייד, פון דער גאַנצער וועלט?... און ווידער אנדערע האבען זיך אבגערופען, אז צוליעב דעם וואס איינע וועט טראגעדיג ווערן און דער התן וועט וועלען צוויי מאל נדן, איז ביי זיי נאך ניט כדאי זיך צו גט'ן מיט די מענער.

דאס ברויזען איז געווארען נאך שטארקער, עס האט געדונערט מיט געשרייען און געהאַגעלט מיט רייד. איצט האט שוין איינע פון דער צווייטער ניט געוואוסט;

איינע האט ניט געהערט וואס די צווייטע רעדט. יעדע האָט נור פֿערשטאנען, אז זי דארף שרייען, אויך שעלטען, אויך ריידען... און ווער ווייסט וואס דערפֿון וואלט אַרויסגעקומען, ווען בריינדעלע „קאָזאַק" מיט איהר געזונדער געמבע וואלט ניט אָנגעהויבען שרייען, אַז זי מיט דער קלוגער מלכה׳לען האבען געפֿונען אַ גוטע עצה, וואָס עס וועט אַלעמען זעהר געפֿעלען און מען וועט זיך פֿערשפּאָרען צו קריגען.

אַלע ווייבער זיינען מיט אַמאָל ווי שטום געוואָרען, ס׳איז געוואָרען אַזאַ איינגעהאַלטענע שטילקייט, ווי בשעת דער ערשטער שמונה עשרה... זיי האָבען נור געוואָרפֿען פֿרעגענדע בליקען אויף מלכה׳לען און בריינדלען, וועלכע האָבען ביידע געפֿיהלט א שטאַרקע היטץ אין די פּנים׳ער. בריינדעל, וועלכע איז די גאַנצע צייט, זינט די קלוגע מלכה׳לע האָט גערעדט אַזוינע גילדערנע רייד, פֿון איהר ניט אָבגעטראָטען, איז אַצונד אַרוים אַביסעל פֿאָראויס, און געציטערט האָט איהר קול פֿון אויפֿרעגונג און אנגענעהמליכקייט, בעת זי האָט גערעדט:

— איך מיט מלכה׳לען האָבען בעטראַכט אַזוי: אַז מיר זאָלען געהן צו חוה׳לען, אַזוי ווי זי איז אַזאַ קלוגע און געבילדעטע, דאָך עפּעס אַ דאָקטאָר׳ס אַ ווייב, און מיר וועלען איהר דערצעהלען די גאַנצע געשיכטע פֿון אָנהויב ביז׳ן סוף און זי בעטען, אז זי זאָל אונז אַן עצה געבען... און אויב איהר שעהמט זיך אַליין ריידען, טאָ פֿערלאָזט זיך אויף אונז ביידען, נאָר מיט דעם תנאי, אז איהר זאָלט מיט אונז מיטגעהן.

ניש׳קשה, זי איז אַ וואוילע, זי וועט אונז אויסהערען.

אַ דינער שמייכעל, ווי ברילִיאַנטען־שטויב, האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף זייערע אַלעמענס ליפּען. זייערע אויגען האָבען געשיינט און אויסגעגלייכט האָבען זיי זייערע פּלייצעס, אָקוראַט ווי זיי וואָלטען אָקאָרשט אַראָבגעוואָרפען פון זיך אַ שווערע לאַסט.

געוואוסט האָבען זיי אַלע, אַז חוה׳לע איז זעהר אַ גוטע און איידעלע פרוי, אַז זי וועט זיי זיכער אַן עצה געבען; זי טהוט דאָך זיי אַסך אַזוינע טובות, וואָס זיי זאָגען איהר אפילו נישט. זי האָט דאָך אַליין אויך די שולע געמאַכט און לערנט זייערע קינדער אָהן געלד. זי געהט תמיד מיט מיט׳ן מאַן צו אָרעמע קראַנ־קע און לאָזט נאָך אָפט איבער איהר אייגען געלד אויף צו קויפען אַן עוף פאַר׳ן שלאַפען. מען זאָגט יאַקבע, אַז אַפילו אין גאַזעטען האָט זי וועגען זיי גע־שריבען, וואס פאַר וואוילע האָראָפּאַסנע ווייבער זיי זיינען... זי האָט זיי זעהר ליעב. ווען זי רעדט מיט זיי, האַלט זי זיך אַזוי פּראָסט, גלייך זיי וואָלטען גע־ווען איהר׳ס גלייכען. וועגען אַלץ צופרעגט זי זיך ביי זיי ווי אַ פּראָסטע אידענע... אָבער דאָך פיהלען זיי זיך זעהר ווייט פון חוה׳ן. זיי וואָלטען וועלען אַז חוה זאָל פון זיי קיין שלעכטס ניט וויסען; עפּעס פאַר חוה׳ן וואָלטען זיי וועלען יוצא זיין ווי, צעהן מאָל להבדיל, פאַר אַ קריסט. זיי ווייסען אַליין ניט־פאַרוואָס, נאָר אַזא געפיהל האָבען זיי.

זיי שטאָלצירען מיט חוה׳ן. עס איז ביי זיי אַלע־מען אַ כבוד, וואָס זיי, מישטיינס געזאָגט, ווער זיינען

זיי, האָבען אַזאַ געראָטענע חוה, וואָס אפילו פריצים ליבען זי, און דערפאַר האָבען אַצונד אַלע פערלעגען געשמייכעלט ביים דערמאָנען איהר נאָמען. זיי האָבען אַלע אין איין קול אַרויסגערעדט: געוויס, געוויס ועט זי זיי אַן עצה געבען. נאָר בעת מעשה האָבען זיי זיך געהיט, אַז זייערע בליקען זאָלען זיך ניט בעגעגענען.

די קלוגע מלכה האָט אויך געהאַט דאָס זעלבע געפיהל און דערפאַר האָט זי די איבריגע געטרייסט:

— ניש'קשה, עס מאַכט נישט, זי מעג וויסען, זי איז אויך אַ אידיש קינד און וועט אודאי קיינעם ניט דערצעהלען. עס טרעפט זיך, הלואי זאָל זיך אַזוי נישט טרעפען, אפילו אין די הויכע פענסטער אויך...

און פרייער האָבען אַלע אָבגעאָטהעמט נאָך איהרע רייד און זיך געלאָזט געהן אויף'ן באַרג צו חוה'ן

געגאַנגען זיינען זיי אין געדיכטע רייהען אַזוי ווי זעלנער, פעסט געשלאָסען שולטער צו שולטער, און גליק מיט צופריעדענהייט האָבען זיך אָבגעשפיגעלט אין זייערע געזיכטער.

אַלע פערבייגעהער האָבען זיי דעם וועג אָבגע־טראָטען, געשטעלט זיך אָן אַ זייט און בעטראַכט וואָס דאָס בעדייט. אפילו זייערע אייגענע מענער זיינען גע־שטאַנען און האָבען פערוואונדערט אָנגעקוקט די מאַר־שירענדע ווייבער, נאָר דאָך האָט קיינער נישט גע־סמייעט צוגעהן נאָהענט און זיך צופרעגען וואָס דאָ קומט פאָר.

מיט יעדען טריט וואָס זיי זיינען געגאַנגען וויי־טער איז זייער ציעל זיי געוואָרען ליעבער. אַ פעסטע

ענטשלאסענהייט און אַ טיעפֿע מענשען-פֿריינדליכקייט האָבען זיי געטריבען. זיי האָבען אַלע געפֿיהלט, אַז זיי געהען צוליעב זעהר אַ גוטע זאַך, אַן אַלגעמיינע זאַך, און אַז דערמיט וועלען זיי אָבהאַקען דעם וועג צו ווייטערע עהנליכע פּאַסירונגען.

דער וועג צו חוה'לען איז געווען אַ ווייטער. זי האָט געוואוינט ווייט אויסען די „פּידוואָרקעס". זיי האָבען געמוזט דורכגעהן דעם גאַנצען מארק מיט די קראָמען, וואָס זיינען געשטאַנען געדיכט איינע לעבען דער צווייטער, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך אָנגעהאלטען ביי די הענד, און דערנאָך ערשט זיך ארייינדרעהען אין אַ פּאָר שמאָלע גאַסלאך, וואו עס קוקען אַרויס אַלטע פּויערשע מיט שטרוי געדעקטע שטיבלאַך, מיט קליינינקע, דערשראָקענע פֿענסטער. דערפֿאַר אָבער איז כמעט לעבען יעדען פּויערשען שטיבעל געוואקסען א פּאָר אַקאַציען-בוימלאך, און די ווייסע שוים-בליהונג צווישען די גרינע יונגע בלעטלאך, האט פֿונאנדערגעשיקט דערקוויקענדע ריחות איבער דער גאנצער אַרומיגער שטרעקע. ערשט אז זיי זיינען ארויס פֿון די שמאָלע געסלאך, איז זיי געגאַנגען אנטקעגען א שעהנער, דופּטענדער מיט קוויטען בעפּאנצערטער בארג. אונטער זיין לינקער זייט איז שטיל געלאָפֿען אַ שמאָלער לויטערער טייך, וועלכער האָט אָבגענארט אפילו געניטע דורכגעהער, מחמת אין זיין שפּיגעל-פּנים האָט אבגעגלאנצט מיט דער נאטירליכסטער העלקייט אלעס וואס אויף'ן בארג. מען האט געמוזט צוגעהן גאר נאהענט, כדי זיך צו איבערצייגען, אז דאס דוכט זיך נור אזוי אויס, און

ער האָט מיט א געמאכטער ערנסטקייט בעגעגענט אלע־מענס בליקען, גלייך נישט איהם מיינט מען עס.

אויף'ן בארג איז געשטאַנען ווי אַ כלה, בעפוצט מיט גירלאַנדען און קווייטען, חוה'ס הויז. עס האט פריינדליך און ליעבליך אַראבגעקוקט, מיט צוויי גרויסע גלעזערנע לאמפען אונטער ווייסע אַבאַזשורען, וואס אַ פאָר סטאַטועז, געשניצט פון ווייסען מאַרמאָר, האבען געהאַלטען אין די רעכטע הענד.

די ווייטקייט האט זיי ניט איינגעמאַטערט. זיי זיינען געגאַנגען און האבען זיך פריינדליך אונטערהאַל־טען. יעדע איינע האט דערצעהלט פון זיך גופא אַ גע־שיכטע, עהנליך צו דער, מכח וועלכער זיי געהען אַצונד...

— איהר ווייסט? — האט אנגעהויבען שפרה די האַרטאַוואניצע — מיין „דאָליע” האט דאך אויך געפרואווט מאַכען אַזעלכע מחזקות; ניט מעהר וואס ביי מיר איז ניט געווען פאַר דער חתונה — מעהר וואלט מיר ניט געפעהלט... פונדעסטוועגען האט ער זיך אויך איינגעשפאַרט, אַז אויב מען וועט איהם ניט געבען נאך א פופציגער און אַ זילבערנע פושקע, וואס מען האט איהם צוגעזאגט, געהט ער ניט צו דער חופה!

— אַ גרויס אונגליק וואלט געווען! — האט אימיצער אַ זאג געטהון מיט איראניע.

— ניט זרח, איז חיים טרייטעל! — האט אַ צווייטע שטימע אבגעענטפערט מיט אַ דרעה.

אַלע האבען זיך צולאַכט מיט אַ יונגען, נאר וואס געבוירענעם געלעכטער. נאר דאס האבען זיי אזוי זיך געלאַכט. געוואלט האבען זיי אַלע זיך קיינ־

מאל ניט שיידען מיט דעם מאַן, ווען ער האט זיי זאגאר פֿיינד געהאַט און צווישען זיי איז פֿארגעקומען קריעג און בזיונות. ליידען פֿון'ם מאַן די ערגסטע און מיאוס'טע ערנידעריגונגען קען דאס זיי אַזוי טיעף ניט בעליידיגען, ווי דאַן ווען דער מאַן וויל חלילה מיט זיי ניט לעבען. וואָרים נאך אַלע זאַכען זיינען זיי פֿארט מאן און ווייב; מען צוקריגט זיך און מען בעט זיך איבער — „חאַטאַ פּאָקרישקאַ!"

און אַז זיי האבען דערזעהן חוה'לעס הויז פֿון וויטען, האבען זיי אלע, פונקט ווי זיי וואלטען זיך צונויפֿגערעדט, אויסגעשריען מיט גרויס התלהבות: „אָט איז שוין חוה'לעס שטוב!"

זיי האָבען ווידער פֿערגעסען אָן זיך. זיי זיינען ווידער איבערפֿילט געוואָרען מיט אַן אַלגעמיינער זאך, מיט א שמערץ, וועלכער וועט זיך לייגען ווי א שווע-רער שטיין אויף זייער געוויסען, אויב זיי וועלען ניט טהאָן אלעס מעגליכע, וואס ליגט נור אין די הענד פֿון א זינדיגען מענשען.

דער קלוגער מלכה'לעס הארץ האָט געקלאפט גיכער ווי אלעמענס. זי האָט אָנגעהויבען איבערטראכ-טען, ווי אזוי זי זאָל ריידען מיט חוה'לען; און אלע ווײלע זיינען איהר געקומען גוטע און שארפֿע רייד אָבער זי האָט געפֿיהלט, אז באין אופן וועט זי זיי ניט קענען ארויסברייגען פֿאר חוה'לען. ווען די איבע-ריגע ווייבער זאָלען כאָטש ניט זיין דערביי, וואָלט איהר געווען פֿיעל גרינגער.

זי האָט אויפֿגעהערט דערפֿון צו טראכטען. וואס

עס וועט זיין, וועט זיין! איהר האַרץ אָבער האָט זי דאָך נישט געפאָלגט און מיט יעדען טראָט ווייטער האָט עס אָנגעהויבען אַלץ גיכער, אַלס שטאַרקער צו קלאַפּען, און די זיפצען, וועלכע האָבען זיך ביי איהר אַרויסגעריסען, האָט זי מיט אַ כיוון אויסגעמישט מיט אַ גוט־מוטהיגען גענעץ, כדי די ווייבער זאָלען ניט פערשטעהן...

מיט אַמאָל, גאָר אומגעריכטערהייט, האָט אַ שטי־מע מיט פרייד אויסגעשריען: — אָט זיינען מיר דאָך שוין לעבען הויז! און אַלע האָבען אויפגעהויבען די קעפּ און ליכטיג איז זיי געוואָרען אין די אויגען פון די שעהנע, הויכע בלומען, וועלכע זיינען געווען אַרום־געשטעלט אַרום אַ גרויסען קיילעכדיגען טיש, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער בעשיצונג פון אַן אַל־טער בריט־צווייגענדיגער ווערבע, און אויף וועלכען עס האָט געבלאַנקט אַ זילבערנער סאַמאָוואַר. אין די גלעזער, וואָס זיינען נאָך נישט אָנגעפילט געווען, האָ־בען זיך אַריינגע׳גנב׳עט דינע שטראַהלען פון דער זינקענדיגער זונן, וועלכע איז אַראָבגעפאַלען אַלע מאָל נידעריגער און נידעריגער אונטער׳ן גרינעם, אַצונד טונקעל־בלויען באַרג.

— וואָסערע טייערע געסט! — האָט זיי חוה בע־געגענט מיט אַ מילדען שמייכעל, און צאַרטע ליעבע און הייליגער צוטרויען האָבען געשפּריצט אויף זייערע הערצער פון חוה׳לעס אויגען.

מיט קיין מיענע, מיט קיין בעוועגונג האָט חוה׳לע ניט אַרויסגעוויזען קיין איבעראַשונג, גלייך זי וואָלט זיי אַלעמען ערוואַרטעט.

פֿערשטאַנען האָבען זיי, אַז חוה'לע האַנדעלט ווי די גרעסטע חכמה, און זיי האָבען זיך דערפֿיהלט שטאַרק שולדיג געגען איהר.

חוה'לע האָט זיך ענטשולדיגט פֿאַר איהרע פֿריערדיגע געסט און איז אַוועקגעגאַנגען מיט די ווייבער אין איהר גרויסען זומער-זאַאַל. זי האָט, ווי עס ווייזט אויס, פֿערשטאַנען, אַז קיינער דאַרף ניט וויסען וועגען וואָס זיי וועלען דאָ ריידען.

נעוואָלט האָבען זיי איהר באַלד דערצעהלען צוליעב וואָס זיי זיינען געקומען, נאָר זיי האָבען ניט געקענט. מעהר פֿאַר אַלעמען איז אַצונד שווער געווען צו ריידען די צוויי אויסערוועהלטע — בריינדעלע „קאָזאַק" און מלכה'לע דער קלוגער. אָבער חוה האָט זיי אַרויסגעפֿיהרט פֿון זייער טיעפֿער פֿערלעגענהייט. זי האָט געעפֿענט דאָס מויל און קלאָהרע פערל, געוואַשען אין ליעבע, האָבען פֿון דאָרט אָנגעהויבען פֿאַלען.

— געווים עפּעס אַ וויכטיגער זאַך, — האָט זי זיך אָבגערופֿען — וואָרים אַזוי, זעהט מען דאָך אייך גאָר קיינמאָל ניט.

ערשט איצט איז זיי נאָך שווערער געווען צו ריידען. ס'איז פֿאַר זיי אונמעגליך צו דערצעהלען אָט דער גוטער, הימעלשער חוה'לען וועגען אַזאַ שלעכטע זאַך, צוליעב וועלכער זיי זיינען געקומען. זיי האָבען זיך אַלע ביי זיך אין די הערצער געוואונשען, אַז זייערע קינדער זאָלען כאָטש זיין אַ צעהנטע חלק אין איהר געראָטען. זיי האָבען אַצונד געהאַט דאָס געפֿיהל, אַרומ-

כאַפּען חוה׳לען, זי קושען, שטאַרק דריקען צום האַר- צען, זיך יאָמערליך צוואוויינען און וויינען אַזוי לאַנג, לאַנג; און ווען חוה׳לע זאָל נאָך מיטוויינען, וואָלט זיי געווען אַזוי גוט...

חוה׳לע האט געשוויגען. מיט איהרע גרויסע בלויע, ברייט-פאַנאַנדערגעעפענטע אויגען, אין וועלכע עס האָט טיעף געברענט אַ הייליג פייער און וועלכע זיינען, קוקענדיג אויף איהרע שוועסטער, אַלץ טרויע- ריגער און מילדער געווארען, — האט זי פון זיי ארויס- געשעפּט זייערע ליידען, זייערע סודות, וועלכע זיי זיינען געקומען איהר פערטרויען, מיט איהר זיך טהיילען.

איהר גוט בענעהמען זיך מיט זיי, איהרע היים- פריינדליכע בליקען, האָבען זיי נאָך מעהר געערגערט און ווי אין אייזערנע צוואנגען זיינען זיי געפּרעסט גע- וואָרען.

אַ שטומע שטילקייט האָט זיך אָנגעהויבען ענט- וויקלען און ווערען אַלע מאָל געדיכטער, אַזוי אַז מען האָט זי כמעט ווי געזעהן און געהערט. זיי האבען איינגעהאַלטען דעם אָטהעם און נור הינטען אַרום אויפ- געהויבען די אויגען, זעהן, לייענען וואָס ביי דער צוויי- טער און דריטער אין האַרצען טהוט זיך. מערסטענטהייל האָבען זיי געקוקט אויף די צוויי, וועלכע דאַרפען אָנ- פאַנגען ריידען. כאָטש ניט מלכה׳לע און ניט ברײנדעל האָבען דאָס געזעהן, דאָך האָבען זיי געפיהלט ווי אַלע- מענס בליקען זיינען געווענדעט אויף זיי פאַר וואָס זיי שווייגען, פאַרוואָס זיי ציהען אַלעמען ביי דער נשמה...

חוה׳לע האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, און זיס-

טרויעריג האט געקלונגגען איהר קול, בעת זי האָט גערעדט:

— נו, ליעבע שוועסטער, דערצעהלט עפּעס... ווילט איהר פּילייכט פון מיר עפּעס הילף? מיט'ן גרעסטען פערגניגען!

מיט דער שיין פון אַ בליץ, ווען ער שניידט דורך די פינסטערקייט, האָבען איהרע ווערטער געשיינט אין זייערע אויגען. דער קלאַנג פון איהר קול האָט זיך לאַנגזאַם ווי אַ גוטער באַלזאַם אַריינגעגאָסען אין זייערע הערצער און עס האָט דאָרט אָנגעהויבען פונאַנדערוואַרעמען, זיך פונאַנדערבלאָזען. איהרע רייד האָבען זיך געקייקעלט פון מויל צו מויל, פון האַרץ צו האַרץ, איבער'ן גאַנצען חדר און אומעטום האָבען זיי ליעבע און אחדות אויסגעשפּרייט. זיי האָבען אַלע געפיהלט, אַז חוה'לע איז זייערע אַ שוועסטער... „ליעבע שוועסטער" האָט זי זיי אָנגערופען. זי, חוה'לע, זיי, וועמען די מענער רופען נור „סעדעכעס" און די זיהן „יענטעס"... זי האָט טאַקע גערעדט אַביסעל אויף אַ פרעמדער שפּראַך פאַר זיי, אָבער גאָט אין הימעל! דאָס גוטע, דאָס איידעלע, דאָס טהייערסטע האָבען זיי דערפיהלט. און ווער קען דאָס ניט פיהלען? אַזוינע פייערדיגע רייד פון אַן אייגענער שוועסטער, פון אַן אייגענער טאָכטער, פון אַזאַ, וועלכע בעלאַנגט צו זייער פאָלק און האָט אויך דעם זעלביגען גאָט! אמת, זי איז טאַקע נישט איבעריג פרום, אָבער אויף אַזאַ גוטער, וואוילער חוה'לען וועט דען גאָט זיין ברוגז? און ווען ער זאָל גאָר ווּעלען, זאָל ער זיי שטראָפען

פֿאַר חוה׳לעס זינד. מיט פֿערגניגען וועלען זיי דאָס מקבל זיין.

די זונן האָט זיך שוין לאַנג געזעצט. אויף איהר פּלאַץ איז אַצונד פֿערבליבען אַ בלוטיגער פּאַס, וועל־כער האָט מיט צאָרן געקוקט אין פֿענסטער גלייך אויף די ווייבער. דער הימעל איז געוואָרען ערנסטער און געהיימער און אין שטוב טונקעלער. און ווען חוה׳לע האָט אָנגעהויבען אָנצינדען פֿייער, האָבען זיך אַסך ווייבער אויף גיך אַ כאַפּ געטהאָן אויסווישען זייערע פֿערוויינטע אויגען, אַז חוה׳לע זאָל ניט בעמערקען. חוה׳לע האָט פֿערשטאַנען, אַז ס׳איז זיי שווער צו ריי־דען און האָט איבערגעדרעהט דעם געשפּרעך אויף אַן אַנדער ענין. זי האָט זיי געבעטען עסען, טרינקען, יע־דערער וואָס זי ליעבט, און מלכה׳לע האָט זיך אַצונד דערפֿיהלט אַביסעל דרייסטער און מיט אַ קלאַפּענדען האַרץ אָנגעהויבען ריידען:

— ניין, גוטע חוה׳לע, מיר זיינען זאַט... מיר זיינען געקומען מיט אייך זיך אַן עצה האַלטען וועגען זעהר אַ וויכטיגען ענין!

און באַלד נאָך איהר האָט אָנגעהויבען ריידען ברײַנדעל. זי האָט אָנגעווענדעט אַלע מעגליכקייטען, אַז איהר קול זאָל אויך זיין שטיל, נאָר ער איז ביי איהר אַרויסגעקומען גראָב און שניידענדיג.

— דאָס ערשטע וואָס מיר ווילען אייך בעטען, חוה׳לע, — האָט זי געזאָגט — איז, אַז איהר זאָלט מיט אונז ריידען אידיש. מיר זיינען דאָך ב״ה אידישע קינדער... זאָלען זיי ברענען, די סטעפּאַנציעס!

חוה׳לע, וועלכע האָט די גאַנצע צייט פֿון בריינ-דעלס ריידען גוטמוטהיג צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, האָט אַצונד איינשטימיג אַ פּאָך געטהון מיט איהרע ויידענע ברעמען און צוגעגעבען שטיל :

— מיט׳ן גרעסטען פֿערגניגען וועל איך מיט אייך ריידען ווי אַזוי איהר קענט און ווילט.

— די זאַך דערפֿון איז אַזוי, חוה׳לע, — האָט אָנגעהויבען די האַרטאָווניצע — ס׳איז אפילו אַ שאַנ-דע און אַ וועהטאָג צו דערצעהלען, אָבער אַז דער דונערשלאַג האָט געטראָפֿען, מוז מען ריידען. רחל אסתר לאה׳ס קענט איהר דאָך, זי איז דאָך אַ כלה און אין אַכט וואָכען אַרום האָט ביי איהר געדאַרפֿט זיין חתונה, טראָגט... זי גאָר, די כל-בו׳ניצע... און ער, דער גיהנום׳ניק, זאָגט איצטער, אויב מען וועט איהם ניט געבען מעהר מיט פֿינף הונדערט קערב-לאַך, וויל ער זי נישט.

חוה׳לע איז שטאַרק געריהרט געוואָרען פֿון זייע-רע רייד. זי האָט פֿערשטאַנען, אַז ס׳איז ביי זיי זעהר אַ גרויס אונגליק און האָט צו איהר בעדויערען ווייניג ווערטער געהאַט מיט וואָס זיי צו טרייסטען.

— איך פֿיהל אייך מיט אין אייערע גרויסע לייד-דען, — האָט זי געזאָגט — דאָך זייט זיך ניט אַזוי מצער. אודאי איז דאָס נישט גוט, אָבער עס טרעפֿען זיך אַזוינע זאַכען, איהר זייט ניט די ערשטע...

זי האָט זיי נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען, אָבער זי האָט נישט געוואוסט וואָס און ווי אַזוי...

— אָבער וואָס זאָלען מיר איצטער טהאָן ? —

האָבען זיך דערהערט עטליכע קולות מיט אַמאָל. — אָט דאָס זיינען מיר דאָך טאַקע געקומען צו דיר, טאָכטערקע, דו זאָלסט אונז אַן עצה געבען וואָס צו טהאָן: צי זאָלען מיר איהם געבען דאָס געלד וויפיעל ער וויל, צי זאָל זיי ביידען אַזוי אַ גוטע שעה וויסען, ווי מיר ווייסען וואָס אָנהויבען צו טהאָן? צי מיר זאָלען זיך אַ שטיין אויף'ן האַלז אָנהייגגען און זיך אַלע אין וואַסער אַריינוואַרפען פאַר בזיון? גיב, טאָכטערקע, אַן עצה, העלף אויס!

חוה'לע האָט אַצונד פערשטאַנען, אַז נישט זיי ריידען און שרייען, נאָר זייער גרויסער, געוואַלדיגער בראָך, זייער טיעפע שאַנדע און זייערע שווערע ליידען, און זי האָט זיי מיט גרוים מיטלייד געענטפערט:

— וואָס זאָל איך אייך זאָגען, ליעבע שוועסטער? נישט אייך האָט געדאַרפט דאָס אונגליק טרעפען; געגוג איז שוין פון אייערטוועגען אַזוי אויך... געדאַרפט האָט גאָר אין גאַנצען אַנדערש זיין, נאָר אַז דאָס שלעכטע איז שוין געקומען, דאַרף מען זיין געגוג שטאַרק זיך נישט צו פערלירען און וויסען, וואו מען איז אין דער וועלט. נאָך מיין מיינונג איז דאָס בעסטע, זי חתונה מאַכען; אָבער מען דאַרף זעהן, אַז איבערהויפט זאָלען זיך אַזוינע זאַכען מעהר נישט אומקעהרען, אַז דאָס זאָל שוין זיין דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל! אָבער וואָס און ווי אַזוי צו טהאָן, קען איך אייך נישט זאָגען, וואָרים איך וויים נישט. נאָר אויב איהר וועט דאַרפען מיין הילף אָדער געלד,

וועל איך מיט'ן גרעסטען פֿערגניגען אייך געבען.
זיי האָבען זי פֿערשטאַנען...

* * *

מיט גרויס פֿרייד האָבען זיי זיך מיט איהר אָב־געזעגענט און „ציעלבעוואוסטע" זיך געלאָזט געהן צוריק. זיי האָבען אַלע אַצונד געוואוסט וואָס זיי האָבען ווייטער צו טהאָן און זיינען געוועזן זיכער, אַז דאָס וועט פֿערהיטען פֿון ווייטערע אונגליקען און שאַנדע.

ס'האָט זיך זיי געוואָלט שרייען פֿון פֿרייד, אַרום־כאַפּען דעם באַרג, דעם טייך, די פּויערשע שטיבלאַך און אַלע צוזאַמען זיך קושען און פֿרעהען.

דאָס, וואָס חוה'לע איז מיט זיי, האָט זיי נאָך מעהר מוטה צוגעגעבען; זיי האָבען זעהר געוואָלט, אַלע זאָלען שטעהן אויף זייער זייט. און איינגעהילט אין'ם דונקעלען נעבעל, זיינען זיי געגאַנגען צוריק, שטאַרקע, מוטהיגע, בעראָטהע. די ריעזיגע שוואַרצע וואַנד, וועלכע איז פֿון זייער צוזאַמענשלוס געשאַפֿען געוואָרען, האָט זיך מיט אַ מורא'דיגער קראַפֿט בע־וועגט. און זיך צוהערענדיג צו זייער ברומען און זשומען, האָט זיך געפֿיהלט, אַז אין זייער מיטעל־פּונקט שפּינט און וועבט זיך עפּעס אַ פֿער'כשופֿ'טער, ברענענדיגער גייסט, וועלכער טרייבט און יאָגט. און וואָס ווייטער מיט אַ שטיקעל וועג זיי וועלען דורכ־געהן, אַלץ ווייטער וועלען זיי פֿערטרייבען דאָס שלעכטע, דאָס מיאוס'ע, אַרויסיאָגען דאָס פֿון שטאָדט...

זיי האָבען אָנגעהויבען געהן גיכער. זייערע טריט

זיינען געוואָרען שווערער, די אויגען פלאַמענדער, די הערצער הייסער אין דאָס ברומען און זשומען הילכי־גער, מעכטיגער, שטורמדיגער. די לופט האָט אָנגע־הויבען ציטערן, און אַ קול אַ שאַרפער, אַ שניידענ־דער, אַ דורכדרינגענדער, האָט זי דורכגעגבערט, דורכגעדרונגען אַלץ טיעפער און טיעפער. אַלע ווייבער זיינען שטילער געוואָרען און זיך צוגעהערט צום קול פון גרויסען נצחון און פעסטען ווילען.

— איך זאָג אייך, אַז מיר זאָלען זיי ניט שלאָ־גען, מיר זאָלען זיך נאָר צונויפקלייבען און אַלע, ווי איין מענש, שבת אַריינרייסען זיך אין בית המדרש, בעת „קריאת התורה" און נישט לאָזען „לייענען" ביז מען וועט אונז אַלע שווערען, אַז מען נעהמט אָן אונזער חרם! — חרם, חרם!

— זי איז גערעכט!

— מיר זאָלען איהם צורייסען אויף שטיקער!

— מען זאָל איהם אָנטהאָן אין טלית און קיטעל און ביי שוואַרצע ליכט זאָל ער שווערען, אַז...

— שווערען! שווערען!

דער טומעל איז געוואָרען אַ שרעקליכער, געוואַל־דיגער. איינע האָט ניט געלאָזט אויסריידען די צווייטע. ווי שאַרפע, שפיציגע שפּיזלאַך, ווי גיפטיגע פיילען האָבען איינער'ס רייד געטראָפען אין דער אַנדערער'ס. אין זיי אַלעמען האָט געברענט איין און דערזעלבער בראַנד־גיהנום פון נקמה און האַס, צאָרן און גערעכ־טיגקייטס־געפיהל. יעדע נייע מיינונג, יעדעס נייע מי־טעל איז האַסטיג, רושם'דיג, פלאַם־פייערדיג אונטער־

געכאַפּט געוואָרען פֿון אַלע. און געקריצט האָבען זיי בעת מעשה מיט די צייהן און שטאַרק געדריקט מיט די פֿויסטען...

די נאַטור האָט זיך ווי דערשראָקען פֿאַר זיי. די וואָלקענס האָבען אָנגעהויבען אַרומלויפֿען האַסטיגער און האַסטיגער, די שטערען זיך בייטען מיט די ערטער, דער ווינד פּייפֿען, די בוימער זיך שאָקלען, די זשאַבעס קוואַקען, און אַלץ האָט זיך צונויפֿגעשמאָלצען, צונויפֿגעגאָסען מיט זייערע פּראָטעסטען, מיט זייער ווילדען גערודער. און געזאָדען און געקאָכט און געמאָלען האָט זיך אַלעס צוזאַמען.

— ווייבער, ווייבער! — האָט איינע אויסגעשריע'ן — איך לייג פֿאָר, אַז מיר זאָלען אַצונד געהן אויף'ן שוהל־הויף, און דאָרטען וועלען מיר אַרויפֿגעהן אויף די קיילעכדיגע מיהל־שטיינער און אויסשרייען אָלעס בקול רם, אַז אַלע זאָלען וויסען וואָס מיר האָבען בעשלאָסען.

— גערעכט!... גערעכט!... אויף'ן שוהל־הויף!... — האָבען געציטערט הונדערטע שטימען.

אַלע דורכגעצויגען מיט'ן שנור פֿון נצחון־געפֿיהל, האָבען זיי זיך פֿריינדליך פֿאַר די הענד גענומען און מיט שטראַהלענדע געזיכטער און לייכטענדע אויגען געשפּרייזט וואָס פֿעסטער און גיכער צום שוהל־הויף. אויף די העלזער האָבען זיי זיך אָנגעהויבען פֿאַלען, ווען זיי זיינען אַריין אין שטאָדט, און מיט אויגען פֿול מיט טרעהרען פֿון פֿרייד האָבען זיי זיך געקושט. זיי האָבען אַלע געוואוסט, אַז דאָס איז דער

# די אינטערניישענאל פובלישינג קאמפ.,
## פון ניו־יארק.

האט געמאכט איהר פערלאג אין לאנדאן פיר גאנץ ענגלאנד, וואו איהר וועט קענען בעקומען אלע איהרע אויסגאבען, וואס זיינען ערשינען ביז יעצט און וואס וועלען ערשיינען.

קורצער קאטאלאג:

| | |
|---|---|
| פ"ליפ קראנץ, קולטור געשיכטע, 3 בענדער, 1000 זייטען, 100 בילדער. פרייז יעדער באנד | 2/6 |
| " די געשיכטע פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן, 3 טיילען אין 1 באנד | 2/6 |
| " אמעריקא פאר קאלאמבוס, א קולטור געשיכטליכע נאכפארשונג, 169 זייטען מיט 44 צייכנונגען, | 2/1 |
| מארים ראזענפעלד, זיינע געזאמעלטע לידער, 837 זייטען, אילוסטרירט, | 4/2 |
| דוד פינסקי, ערצעהלונגען, צוויי בענד, 546 זייטען יעדער באנד, | 2/1 |
| יהואש, געזאמעלטע ליעדער, 400 זייטען | 4/2 |
| י. גארדין, אלישע בן אבויה, היסטארישע דראמא אין 4 אקטען | 7½ פענס |
| " דער אונבעקאנטער, דראמא אין 4 אקטען מיט א פראלאג | 10 " |
| לעא. קאמפף, פאר'ן שטורם, דראמא אין 3 אקטען | 10 " |
| קניאז פאטיאמקין, די געשיכטע פון דעם בעריהמטען מאטראזען אויפשטאנד. אילוסטרירט, 100 זייטען | 10 " |
| דר. ש. פעסקין, סטרייקס און זייער ניצליכקייט פאר די ארבייטער | 2½ " |

אויך קענט איהר ביי מיר בעקומען אלע אויסגאבען פון אלע רוסישע און אמעריקאנער פערלעגער.

## בוכהענדלער און אגענטען בעקומען 40% ראבאט.

ביי גרויסע אפנעהמען, לויט דעם אבמאך.

---

## יעדער איינער קען בעקומען א פיין אילוסטרירטען קאטאלאג פון
## די אינטערניישענאל פאבלישינג קאמפאני

זיך צו ווענדען צו:

**L. FRIEDMAN,** Publisher and Bookseller,

**84, Berwick Street, Oxford St., London, W.**

## ביז יעצט ערשיענען:

**די טרוימער פון דער געהטא.** פון ישראל זאנגוויל, איבערזעצט פון א. פרומקין. פרייז אין ענגלאנד 9 פענס, אמעריקא 20 סענט, רוס. 40 קאפ

**די טרוימער פון דער געהטא,** 2־טער טהייל ענטהאלט א גאנצע סקיצע **אוריאל אקאסטא.** פרייז אין ענג. 6פ., אמעריקא 15 סענט, רוס. 30 קאפ.

---

**גלויבען און פערנונפט,** פון דזשאהן מעסליע.
פרייז אין ענגלאנד 1ש. 6פ., אמעריקא 40 סענט, רוסלאנד 80 קאפ.

---

**קראפאטקינס לעבענסבעשרייבונג,** געשריבען פון איהם אליין און איבערזעצט פון מ. קאהן. פרייז אין ענגלאנד 3ש. 6פ., אין אמעריקא 1ד. 20ס.

---

**די אכטע אבטהיילונג פון גיהנום,**
און אנדערע ערצעהלונגען פון י. ל. פרץ, אויס דעם העבראישען איבערזעצט פון א. פרומקין. פרייז אין ענגלאנד 9 פענס, אמעריקא 20 סענט, רוס. 40 קאפ.

---

**די פרוי'ס האנדבוך,** א זעהר ניצליכער בוך פאר יעדע פערהייראטהע פרוי.
פרייז אין ענגלאנד 6 פענס, אמעריקא 15 סענט.

---

**א פינפפאכער מארד,** פרייז 4 פענס, אמעריקא 10 סענט.

---

**באוושאווער'ס בילדער און געדאנקען,** פרייז 5פ., אמעריקא 10ס.

---

**באוושאווער'ס ליעדער און געדיכטע,** פרייז 5פ., אמעריקא 10ס.

---

**די מענשליכע ענטוויקלונג,** פון דר. מ. נארדוי, פרייז 1פ. אמעריקא 3פ

---

**1. דער ליגען פון דער חתונה, 2. דער ליגען פון רעליגיא,**
פון דר. מאקס נארדוי. פרייז יעדעס אין ענג. 2½פ., אמעריקא 6ס., רוס. 12 קאפ

---

**על נהרות בבל,** פון גראף דע וואלניי. איבערזעצט פון א. טאנענבוים.
פרייז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

---

**דער מענש און זיין נשמה,** פון דר. אינגערסאל.
פרייז 3 הייפענס, אין אמעריקא 3 סענט.

---

**גאט, רעליגיאן און מאראל,** פון פיליפ קראנץ, פרייז 2פ. אמעריקא 5ס.

---

**הונגער,** ראמאן 4 טהייל, פון קנוט האמסון, פרייז 2ש. אמעריקא 50ס. רוס., 1ר

---

**וויבער,** א פאעמא פון מ. בלינקין. פרייז 4 פענס, 8 סענט, 16 קאפיקען

---

אלע בעשטעלונגען צו אדרעסירען:

**L. FRIEDMAN, 84, Berwick Street, Oxford Street, W.**